# צו די דאָקומענטן

די ביידע געבראַכטע דאָקומענטן אין דעם נומער וואַרפן אַ שיין אויף דער האַלטונג אין די ראַסן־ענינים פון דעם אומפּאַרטייאישן קליינבירגער. ווי אויך פון דעם אַזוי גערופענעם קליינעם פּאַרטיי־גענאָסע (Pg.) אָדער „נאָכלויפער", לויט די היינטיקע אָפיציעלע טערמינען. ביידע דאָקומענטן שטאַמען כמעט פון זעלבן צייט־אָפּשניט אין 1939, ווען דער העך־קורס קענן יידן איז שוין גאָר ווייט אַוועק. אפילו אַזעלכע צוויי אָפּגעלעגענע „אָרטשאַפטן", ווי אונטערבאַלבאַך אין באַדענער פּראָווינץ און היטענבאַך אין אָבערפראנקען ביים טייך פעגניץ — אגב, ביידע אַלט־אשכנזישע קהילות — ווערן שוין אויך דורכגעפרעסן פון אַנטיסעמיטיזם. ביים פאַרשפּרייטן די ראַסן־פּרינציפּן אין די קלענערע ערטער, ווהין אויטאָריטעטע אידעאָלאָגן דערקלייבן זיך זעלטן, שפּילן טאַקע ניט קיין קליינע ראָל די „שאלות ותשובות", אָט דאָס אַדורכשרייבן זיך פון די אָרטיקע בירגער מיט די פּאַרטיי־לייטונגען. ביי דער דייטשער מענטאַליטעט און בלינדער געהאָרכזאַמקייט איז אָט דער וועג פון קאָרעספּאָנדענץ ווי אָנגעמאָסטן צום שעפּן און פאַרטיפן די נאַצישע תורה אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך אין לאַנד.—

בנוגע דעם ערשטן דאָקומענט, ווו אויף דער געשעפטסמעסיקער שאלה מכוח אַ היתר אויף ווידער צו רעכט צו מאַכן די אומגעפאַלענע מצבות באַקומט דער פרעגער ווי אַ תשובה גאָר אַ פּרק פעלקישע תורה און דערביי נאָך די געהעריקע התראה, — איז קיין ספק ניט, אַז די אומגעפאַלענע מצבות זיינען שוין ווידער ניט צוריקגעשטעלט געוואָרן. צום דערפאָרשן בלייבט נאָר, ווי אַזוי אָט די מצבות זיינען עס דאַן געווען „אומגעפאַלן".—

אַביסל אַנדערש שטייט מיט דער שאלה פונעם כראָניק־שרייבער פון היטענבאַך (צווייטער דאָקומענט). ווי אַ מענטש, קאָנטיק פון אַ „גייסטיקער" פּראָפּעסיע, ווייס ער, אַז אין כראָניק מוז מען דאָך „שרייבן דעם אמת" אָבער אויך וועגן דעם אמת אַליין, וואָס איז טאַקע אַזוי פּשוט און זעלבסט־פאַרשטענדלעך דעם שרייבער, לאָזט זיך פרעגן אַ שאלה — וועגן מתיר זיין צו פאַרדרייען די זאַך. און ווי אַ דיסציפּלינירטער און אָרדענונגספולער Pg. האָט ער צוזאַמען מיט דער פראַגע שוין אויך דעם אונטערטעניקסטן פאָרלייג, ווי אַזוי די זאַך „לאָזט" זיך נאָך אויסבעסערן,

די תשובה אויף דער שאלה, וואָס דער קרייז־לייטער אין לויף־פעגניץ האָט געדאַרפט געבן, האָבן מיר נאָך לײדער ניט אונטער דער האַנט.

——— § § § ———

# פון אונדזער
# בילדער-זאמלונג



פוילן. חסידישער ייד געצוווּנגען אַזוי צו פּאָזירן פאַר אַ פאָטאָ-אַפּאַראַט.
(בילד געפונען ביי אַ דייטש)

POLAND. Chassidic Jew is is forced to pose for the camera.
Photograph taken from a German.



װאַרשע. יידישע אַרבעטער אונטער דייטשער, פּוילישער און יידישער שמירה.
איבערגעגעבן דורך א. קרעכמאַן.

WARSAW. Iewish workers under a German, Polish, and Jewish guard.



וואַרשע. אויפגעדעקטע יידן אין אַ בונקער אויף טשערניאַקאָוו ווערן געפירט
צום שיסן 1943.

איבערגעגעבן דורך דער היסט. קאָמיסיע אין לייפּהיים.

WARSAW, 1943. Jews found concealed in a bunker (hiding places) in Czerniakow are taken away to be shot.



לאָדזשער געטאָ. מ׳זוכט עסנוואַרג אין מיסטקאַסטן אויף דוואָרסקא 6.
איבערגעגעבן דורך ג. מייזלער.

LODZ GHETTO. Looking for food among the refuse on Dworska 6.



ווילנע. העברעאישער געטאָ כאָר. פאָרנט דיריגענט דורמאַשקין, אומגעקומען אין לאַגער קלאָגא (עסטלאַנד).
איבערגעגעבן דורך ג. מולער.

WILNA. Hebrew ghetto choral group. Center front the conductor Durmashkin, wo died in Klooga, Esthonia.

# אַרטיקלען־רשימה

## פון יידישן לעבן אין נאַצי־צייט
## אין פרעסע פון שארית הפליטה

„המדינה" — „אונדזער וועלט", מינכען

| נומער | ערשטער דאַטום | מחבר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 2 | 14.6.46. | שלמה קאַר | פראָפ. שמעון דובנאָוו אין קאַלאָנע צום טויט (גרויסע אַקציע אין ריגע) |
| 14 | 6.9.46. | שלמה פראַנק | צום 2־טן יאָרטאָג פון די לעצטע 70 טויזנט לאָדזשער יידן. |

דער „נייער מאָמענט", רעגענסבורג

| נומער | ערשטער דאַטום | מחבר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 5. | 20.6.45. | אַברהם קערן | 200 טויזנט יידן געראַטעוועט (ווי אַזוי עס זיינען געראַטעוועט געוואָרן 200 טויזנט אונגאַרישע יידן). |
| 15. | 22.11.46. | א. פישמאַן | דער העלדישער טויט פון אַנאַפּאָלער יידן (פוילן). |

„השומר הצעיר", מינכען

| נומער | ערשטער דאַטום | מחבר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 2. | אַפּריל 1946 | | לעצטער בריוו פון מרדכי אַנילעוויטש (קאָמאַנדיר פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ). |
| " | " | ז. ג. | 3 יאָר (פון אויפשטאַנד אין וואַרש. געטאָ) |
| " | " | יוסף שמיר | מרדכי אַנילעוויטש (זיין לעבן און קאַמפּס־וועג). |
| " | " | אַבא קאָוונער | דער ערשטער אויפרוף (פ. פּ. א.—פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע, ווילנע). |
| " | " | רוזשקה | מענטשן און מעשים (צום אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ). |

| נומער | ערשטער דאַטום | מחבר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 2 | אַפּריל 1946 | חיה גראָסמאַן | זיין מיט די מאַסן. (צום אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ). |
| 2,3,4 | „ | אַבּא קובנער | הנס בחדלון (פון ווילנער געטאָ און פּאַרטיזאַנער לעבן, אָנהויב „השומר הצעיר”, מינכען, נומ. 1, מערץ). |

„אויף דער פריי”, שטוטגאַרט

| נומער | ערשטער דאַטום | מחבר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 3 | פעברואַר- יוני 1946 | ישראל אייזנבערג | אַ קאַפּיטל יידישע מאַרטיראָלאָגיע (וועגן לובלין). |
| „ | „ | רחל ראָטענבערג | „שאַנטאַזש” (דאָס לעבן אויף דער אַרישער זייט). |

„אונדזער שטימע”, בערגען-בעלזען

| נומער | ערשטער דאַטום | מחבר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 15 | 15.11.46. | אָסקאַר לאָקעטש | דער גורל פון 17 טויזנט יידן פון טאָמאַשאָוו-מאַזאָוויעצק (פּוילן). |

„Jidisze Cajtung“ — „Landsberger Lager-Cajtung“
לאַנדסבערג אַם לעך. (יידיש מיט לאַטייניש און העברעאיש שריפט)

| נומער | ערשטער דאַטום | מחבר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 40 | 25.9.45. | א. מ. האַראָפּ | כעלמנאָ (וועגן פאַרניכטונגס-לאַגער אין פּאָמערן, פּוילן). |
| 41 | 9.10.46, | אַגר. י. אָלייסקי | די ליקווידאַציע פון קאָוונער געטאָ. |
| 42 | 16.10.46. | משה גאַסטפריינט | ווי אַזוי עס איז אומגעבראַכט געוואָרן דער 1-טער יידישער קבוץ אין פּוילן (וואָדזיסלאַוו). |
| „ | „ | מגר. ע. קאַפּלינסקי | ניטאָ אונדזער יידיש ווילנע. |
| „ | „ | יצחק סוטין | דער 16-יעריקער העלדישער יידישער פּאַרטיזאַן. |
| „ | „ | יצחק נעמענטשיק | דאָס געטאָ-טויער (צום יאָרצייט פון דער גרויסער אַקציע אין קאָוונער געטאָ) |
| 43 | 25.10.46. | הערש סענדאָוווסקי | חורבן פּיעטרקאָוו-טריב. (פּוילן). |
| 45 | 1.11.46. | אַדוו. מ. פראַטקין | אין יענעם פינצטערן טאָג (וועגן דער ליקווידאַציע פון ליטווישן יידנטום). |
| 46 | 8.11.46 | ב. ס. הופערט | מיט איין יידן-מערדער וויניקער (וועגן די מערדערייען פון היטלעריסט אַמאָן געט אין קראָקע און פּלאַשאָוו). |

| נומער | ערשטער דאַטום | מ ח ב ר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 46 | 8.11.46. | ד"ר ש. גרינהויז | די אַגאָניע און אונטערגאַנג פון דער יידישער קאָוונע און מעמעל. |
| " | " | ד"ר מ. פייגענבערג | 6 זיינען זיי געווען (זכרונות פון ווילנער געטאָ). |
| 47 | 15.11.46. | ד"ר ש. גרינהויז | Jaccuse... (רעצענזיע איבער אַ דער־שינענעם בוך אין פראַנצויזיש וועגן די דייטשע רציחות). |
| 49 | 29.11.46 | ד"ר פ. ווידעמאַן | דער רמב"ם און די יידן־אויסזידלונג (פאַרלויף פון אַ זיצונג פון קרייז יידן־ראַט אין אָבער־שלעזיע). |
| 50,54 | 6.12.46. | יצחק נעמענטשיק | פון עסטלאַנד — דורך שטוטהאָף — קיין בוכענוואַלד. |
| " | " | משה ווייסבערג | ווי אַזוי ס'איז חרוב געוואָרן יידיש־אוקראַינע. |
| " | " | א. שטיינפעלד | דער 16־יעריקער יידישער העלד אין דער יידן־אַקציע אין כמיעלניק (פוילן). |

„דאָס פרייע וואָרט", פעלדאַפינג (יידיש מיט לאַטייניש שריפט).

| | | | |
|---|---|---|---|
| 46 | 30.8.46. | אַברהם אייזען | לאָדזש און ליצמאַנשטאַט (צום 2־טן יאָרטאָג פון דער ליקווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ). |

„אַ היים" (יידיש מיט לאַט. שריפט), לייפהיים

| | | | |
|---|---|---|---|
| 19 | 30.8.46. | טוביה בלאַט | דער אויפשטאַנד פון סאָביבאָר (אויפ־שטאַנד פון די יידן אין פאַרניכטונגס־לאַגער סאָביבאָר, 14.10.43.). |
| " | " | יצחק לעווין | דער חורבן פון אַ יידישער קהילה אין פאָלעסיע (חורבן דאַווידגרודעק). |
| 21 | 13.9.46. | כ. א. מיכאַעלי | דער בלוטיקער אויפשטאַנד אין לאַכווער געטאָ (פוילן). |
| 21,23, 24,25 | " | יולעק משאַרני | זכרונות פון אַ יידישן געטאָ־קעמפער (וואַרשע). |
| 25 | 8.11.46. | לייזער בערגינסקי | זכרונות פון אַ פאַרטיזאַנער. |

# באַריכט
# טעטיקייט

≋ אויסצוגן פון דעם טעטיקייטס־באַריכט פון דער צענטראַלער היס־טאָרישער קאָמיסיע פאַר דער צייט פון איר אויפקום אין דעצעמבער 1945 ביז ענדע 1946. די זאַמלונגען אין ציפערן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1. | גבית־עדות . | 597 נומערן; פון דעם דורך | לאָקאַלע ה. ק. 321 נר. |
| 2. | פאָלקלאָר . | 168 " " " | 44 " |
| 3. | בילדער פון נאַצי־צייט . | 595 " " " " " | 54 " |
| 4. | דאָקומענטן פון נאַצי־צייט . | 1139 " " " " " | 822 " |
| 5. | פאַר־מלחמה דאָקומענטן | 24 " " " | 8 " |
| 6. | נאָך־מלחמה דאָקומענטן | 593 " " " " " | 230 " |
| 7. | סטאַטיסטישע פרעגבויגנס | 2305 " " " " " | 2188 " |
| 8. | אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור | 266 " " " " " | 168 " |
| 9. | מוזעאַלע־חפצים | 15 " " " " " | 1 " |
| 10. | פאָלקס־קונסט | 16 " " " " " | 10 " |
| 11. | נאָמען צו געטאָ־ און ק. צ.לידער | 73 " " " " " | 1 " |
| 12. | אַנקעטעס פון דראַמ.־קרייזן | 10 " " " " " | 4 " |
| 13. | בילדער פון פאַשיסטן . . . . | | 98 נומערן |
| 14. | פילמען . . . . | | 2 " |
| 15. | אַנקעטעס פון לאַנדראַטן און אָבערבירגערמייסטער | | 334 " |
| 17. | פאַטעפאָן־פּלאַטן פון געטאָ־ און קאַצעט־לידער | | 23 " |

אין דער טאַבעלע גייט נים אַריין די זאַמלונגען פון פּלאַקאַטן און

דרוקזאַכן, ווי אויך דער אַרכיוו פון שארית הפליטה־פּרעסע.

כדי קלאָרער צו באַקומען אַ באַגריף וועגן דער צאָל פון די זאַמלונגען, וועט זיין ניט איבעריק צו באַמערקן, אַז דער טערמין „נומער" נעמט בײַ אונדז אַפּט אַרום הונדערטער און טויזנטער דאָקומענטן (צב"ש אונדזער גאַנצע דאָקומענטן־זאַמלונג פונעם מינכענער מאַגיסטראַט; אַ ציקל פון צענדליקער געטאָ־ און קאַצעט־לידער (ווי די קאָוונער געטאָ־לידער), צווישן די גבית־עדות פיגורירן נאָר אונטער איין נומער אויך גרויסע אַרבעטן, ווי דאָס טאָג־בוך פון אַ ייד אין גאַליציע (געשריבן אין אַ באַהעלטעניש אין די יאָרן 1942־43 און נעמט אַרום 450 זייטן); אַן אַרבעט וועגן יידישן אַרבעטס־דינסט אין אונגאַרן (100 זייטן, פון היינריך האָלענדער); קאַפּיטלעך פון אַ גרויסער אַרבעט וועגן סקאַלאַט, גאַליציע (פון אַברהם ווייסבראָד); אַ גרעסערע אַרבעט וועגן לעבן אין די קאַצעטן (פון אונגאַרישן זשורנאַליסט עמיל בלום); אויס־פירלעכע אַרבעטן וועגן די ליידן פון האָלענדישן יידנטום א. א. — —

בײַ די רעגיאָנאַל־קאָמיטעטן אין באַמבערג, פראַנקפורט, רעגענס־בורג און שטוטגאַרט זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן רעגיאָנאַלע היסטאָרישע קאָ־מיסיעס, וועלכע האָבן פון זייער זייט אָרגאַניזירט 33 אָפּטיילונגען אין זייערע ראַיאָנען. צוליב דעם וואָס אין מינכענער ראַיאָן עקזיסטירט ניט קיין רעגיאָ־נאַל־קאָמיטעט, האָבן מיר אַלײן דאָ אָרגאַניזירט 11 אָפּטיילונגען, אַזוי אַרום ציילט היינט די צ.ה.ק. 48 אָפּטיילונגען. — —

פון באַאַרבעטע 440 גבית־עדות האָבן זיך באַקומען ידיעות וועגן פאָלגנדיקע לענדער:

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 1. | פוילן | 209 ישובים. | 110 | לאַגערן |
| 2. | ליטע | 27 „ | 18 | „ |
| 3. | אונגאַרן | 12 „ | 18 | „ |
| 4. | דייטשלאַנד | 11 „ | 94 | „ |
| 5. | טשעכאָסלאָוואַקיי | 7 „ | 4 | „ |
| 6. | רומעניע | 6 „ | 2 | „ |
| 7. | עסטלאַנד | 3 „ | 7 | „ |
| 8. | עסטרייך | 1 „ | 8 | „ |
| 9. | האָלאַנד | 2 „ | 4 | „ |
| 10. | לעטלאַנד | 1 „ | | |
| 11. | רוסלאַנד | 2 „ | | |
| 12. | גריכנלאַנד | 1 „ | | |
| | צוזאַמען | 282 ישובים | 265 | לאַגערן |

פון צ. ה. ק. זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן צו די אָפּטיילונגען 28 וועג־

דונגען וועגן דורכפירן פאַרשיידענע אַרבעטן, אַלזאָ, יעדן מאָנאַט זיינען דורכשניטלעך אויפגעקומען מער ווי 2 נייע אידעען פון אַרבעט. — —

אין פאַרלויף פון יאָר האָט די צ. ה. ק. באַקומען 1095 בריוו און אַרויסגעשיקט 622 בריוו. — —

דער פערסאָנאַל פון דער צ. ה. ק. באַשטייט איננאַנצן פון 5 מיטאַרבעטער; ביז מאַי פ. י. זיינען געווען נאָר 2 מיטאַרבעטער. — —

≋ אין יאַנואַר ד. י. איז אין צ. ה. ק. געוואָרן באַאַרבעט און צעשיקט צו אַלע אָפּטיילונגען אַן אַרבעטס־אינסטרוקציע, וואָס וויַיזט אָן די מעטאָדן צום זאַמלען און בכלל ווי אָנצופירן מיט דער אַרבעט פון די קאָמיסיעס.

≋ אין דער צ. ה. ק. ווערן איצט געמאַכט אויסשניטן פון דער שארית הפליטה־פרעסע פון די אַרטיקלען און נאָטיצן, וואָס באַרירן די נאַצי־צייט. מיט דער אַרבעט ווערט פאַרפולט די קאַרטאָטעק, וואָס איז ביי אונדז אויפגעשטעלט לויט די באַקומענע גבית־עדות.

≋ פיל צייט און מי האָט גענומען ביז ענדלעך איז דורך דער צ. ה. ק. איינגעאָרדנט געוואָרן אָן אייגענע זעצעריי, וואָס וועט פון איצט דערמעגלעכן אַרויסצוגעבן נאָרמאַל דעם מאָנאַטשריפט „פון לעצטן חורבן".

≋ די ביז איצט דערשינענע 3 נומערן „פון לעצטן חורבן" האָבן סיי אין דייטשלאַנד און סיי אין אויסלאַנד אויפגעבראַכט אַ גרויסן אינטערעס צו דער טעטיקייט פון דער צ. ה. ק. צווישן די וואַרעמע אָפּרופן, וואָס די צ. ה. ק. באַקומט, געפינען זיך אויך אָנערקענונגס בריוו פון: „ייווא", ניו־יאָרק, ראַביי פיליפ בערנשטיין, ראַטגעבער פאַר יידישע ענינים ביי דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, רעוויזיאָניסטישע עקזעקוטיווע, לאָנדאָן, הארכיון הציוני המרכזי, ירושלים, דער אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט, ניו־יאָרק, יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע, פראַנצויזישע סעקציע, פאַריז.

נישט קוקנדיק אויפן גרויסן טיראַזש פונעם זשורנאַל, קען די צ. ה. ק. דאָך נישט באַפרידיקן די אַלע ביזאַהעריקע באַשטעלונגען אַפילו פון דייטשלאַנד גופא. אויף די מערערע באַשטעלונגען פון אויסלאַנד האָבן מיר ביז אַהער געקענט באַפרידיקן אַ גאָר באַגרענעצטע צאָל.

≋ באַמבערג. די רעגיאָנאַלע היסטאָרישע קאָמיסיע פון באַמבערג שרייבט אונדז וועגן אויסגעפונענע דאָקומענטן, נוגע יידן סיי פון דער פאַר־היטלער־צייט און סיי פון דעם נאַצי־רעזשים אין פאָלגנדיקע ערטער; 1. קאָבורג — 34 אַקטן־האַלטערס (צום קאָפּירן), 2. וויסענבורג — עטלעכע טויזנט דאָקומענטן אין דאָרטיקן לאַנדראַט, פון וועלכע עס ווערן געמאַכט אָפּשריפטן אונטער דער אויפזיכט פון ד"ר ג. ראַסקין, מיטאַרבעטער פון דער וויסענבורגער היסטאָרישער קאָמיסיע; 3. האָף — 10 אַקטן־האַלטערס; 4. אַנסבאַך,

אין רשות פון „אונראַ" — ביי 6000 דאָקומענטן פון אַרבעטס־אַמט אין באַמ־בערג. „אונראַ" האָט צוגעזאָגט אין דער נאָענטסטער צייט אַרויסצוגעבן די אַקטן; 5. אין באַמבערג, פינאַנץ־אַמט — ביי 20.000 דאָקומענטן, נוגע צו־גענומענע יידישע פאַרמעגנס אין ראַיאָן באַמבערג; 6. פירמע, אַדוו. ד"ר שטערן — ביי 300 דאָקומענטן.

פון דער דערמאָנטער קאָמיסיע האָט די צ. ה. ק. פאַר דער לעצטער צייט דערהאַלטן מערערע גבית־עדות, לידער און בילדער פון היינטיקן יידישן לעבן.

≋ פראַנקפורט. די רעגיאָנאַלע היסטאָרישע קאָמיסיע האָט איבער־געשיקט דער צ. ה. ק. אירע אייגענע געזאַמלטע און פון די אָפטיילונגען אַריינגעקומענע אָפּשריפטן פון נאַצי־דאָקומענטן, גבית־עדות, לידער און ביל־דער. די רעגיאָנאַלע קאָמיסיע האָט אויך צוגעשיקט אַ סעריע פאָטאָסטאַטן פון יידישע דאָקומענטן פון 19־טן י"ה און אַ גוט באַאַרבעטן קאָמפּלעט ביל־דער פון די פראַנקפורטער בית־עלמינס.

דעם 16—18 פעברואַר ד. י. איז אין פראַנקפורט פאָרגעקומען אַ גרויסע ראַיאָן־קאָנפערענץ פון קולטור־טוער. אויף דער קאָנפערענץ האָבן פאַרנומען אַ חשובן אָרט פּראָבלעמען פון די היסטאָרישע קאָמיסיעס. אַ טעטיקייטס־באַריכט האָט אָפּגעגעבן דער לייטער פון דער רעגיאָנאַלער היסטאָרישער קאָמיסיע מאַרעק אַש. מצד דער צ. ה. ק. האָט אין דער קאָנפערענץ אָנטייל גענומען דער וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר און רעדאַקטאָר י. קאַפּלאַן, וועל־כער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער אַרבעט פון די היסטאָרישע קאָמיסיעס האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן רושם אויף די אַלע אָנוועזנדיקע. מיט אַן אַפּעל צו שטיצן די היסטאָרישע קאָמיסיעס אין זייער אַרבעט איז אויך אַרויסגעטראָטן ד"ר פ. פרידמאַן, לייטער פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביים „דזשאָינט" אין מינכען.

אין רעזולטאַט פון דער קאָנפערענץ איז צו דערוואַרטן אַ פאַרשטאַרקטע אַקטיוויטעט פון די היסטאָרישע קאָמיסיעס אין פראַנקפורטער ראַיאָן.

≋ רעגענסבורג. צווישן די דערהאַלטענע מאַטעריאַלן פון דער רע־גענסבורגער רעגיאָנאַלער היסטאָרישער קאָמיסיע איז ווערט צו דערמאָנען אַן אויספירלעכע גבית־עדות וועגן אויסראָט־לאַגער „באָביבאָר" מיט אַ סכעמע און אַ פאָעמע פון אַן אומבאַקאַנטן דיכטער, וואָס איז געפונען געוואָרן אין לאַגער „האַסאַג", טשענסטאָכאָוו, פוילן.

די היסטאָרישע קאָמיסיע אין טירשענרויט האָט איבערגעשיקט אַ גוט באַאַרבעטע גבית־עדות וועגן אויסראָט־לאַגער אין טרעבלינקע.

די היסטאָרישע קאָמיסיע אין פאָקינג האָט איינגעאָרדנט אַן אויסשטע־

לונג פון היסטאָרישע עקספּאָנאַטן. די אויסשטעלונג איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג און איז באַזוכט געוואָרן פון העכער 4000 מענטשן.

≋ שטוטגאַרט. די אַרבעט פון דער רעגיאָנאַלער היסטאָרישער קאָמיסיע גייט אַלץ אויף בעסער. די מיטאַרבעטער פון דער קאָמיסיע באַמיען זיך אָנצוזאָגן די פאַרלאָרענע צייט און זיי איז שוין געלונגען פיל אויפצוטאָן. אַזוי האָט די קאָמיסיע אָרגאַניזירט אָפּטיילונגען אין: באַקנאַנג, אולם־סעדאַן און היידענהיים.

די מיטאַרבעטער פון דער קאָמיסיע האָבן אָפּט זיצונגען, אויף וועלכע עס ווערן אויסגעאַרבעט די ריכטליניעס פאַר דער טעטיקייט, וואָס פאַרצווייגט זיך כסדר.

פאַר דער קורצער צייט פון איר טעטיקייט האָט די רעגיאָנאַלע היסטאָרישע קאָמיסיע צוגעשיקט אין דער צ. ה. ק. אַ צאָלרייכן מאַטעריאַל. כמעט יעדע פאָר טעג ברענגט אונדז די פּאָסט וואָס ווערטפולס פון שטוטגאַרט.

לעצטנס האָט די קאָמיסיע אין שטוטגאַרט פאַרעפנטלעכט אַ קאָנקורס אויף דער בעסטער אַרבעט אויף דער טעמע: „מיינע מלחמה איבערלעבונגען".

עס קומט באמת אַ יישר כוח דעם ד"ר ל. פרידמאַן, וועלכער האָט ווי געהעריק אַוועקגעשטעלט די אַרבעט. אויפן אָרט פון ד"ר ל. פרידמאַן, וועלכער האָט פאַרלאָזט דייטשלאַנד, האָט איצט די לייטונג איבערגענומען דער מיטאַרבעטער דוד גרייזדאָרף. עס איז צו האָפן, אַז די טעטיקייט וועט געפירט ווערן ווייטער אין דעם זעלבן טעמפּאָ. אין דער מוסטערהאַפטער טעטיקייט העלפן מיט: פ' שטרויזוויס, קאַפּלאַן און גאָזשטשאַנסקי.

≋ בערלין. פאַר דער קורצער צייט פון איר עקזיסטענץ האָט די היסטאָרישע קאָמיסיע פון בערלין אַנטוויקלט אַ ברייטערע טעטיקייט. די קאָמיסיע שטייט אין קאָנטאַקט מיט דער צ. ה. ק. און אַרבעט לויט אירע אינסטרוקציעס. איין פּאַרטיע אויפגענומענע און זאָרגעוודיק באַאַרבעטע גבית־עדותן זיינען שוין איבערגעגעבן געוואָרן דער צ. ה. ק.

≋ אין מינכענער ראַיאָן דאַרף דערמאָנט ווערן די אַקטיווע טעטיקייט פון די היסטאָרישע קאָמיסיעס אין: באַד רייכענהאַל, לאַנדסבערג, לייפּהיים, ניי־פריימאַן און פערנוואַלד. די צ. ה. ק. האָט פון די ערטער באַקומען אַ צאָלרייכן מאַטעריאַל אויף אַלע געביטן פון די געפירטע זאַמלונגען.

דער צווייטער קאָנגרעס פון דער שארית הפליטה אין דייטשלאַנד (באַד רייכענהאַל 25—28 פעברואַר 1947) האָט בנוגע דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע איינשטימיק אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

אָנערקענענדיק די צילן און וויכטיקע אַרבעט פון דער צ. ה. ק. דריקט אויס דער קאָנגרעס זיין צופרידנקייט מיט איר ברייטער טעטיקייט און דערקלערט זיין ווונטש, אַז די צ. ה. ק. זאָל באַקומען אַ ווייטגייענדיקע אויטאָנאָמיע און רעכט פון אַ זעלבסטשטענדיקן אַמט ביים צ. ק.

מ. י. פ־ם

# כראָניק

— יצחק גרינבוים, מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע האָט בעת זיין אויפהאַלטן זיך אין דייטשלאַנד באַזוכט די צ. ה. ק. אין פאַרלויף פון אייניקע שעה האָט זיך דער חשובער גאַסט דאָ אויספירלעך באַקענט מיט די זאַמלונגען און אַנדערע אַרבעטן, אויסדריקנדיק דערביי זיין אַנער־קענונג פאַר די אויפטוען פון דער צ. ה. ק.

— לעאָ שוואַרץ, דירעקטאָר פון „דזשאָינט" אין דער אַמעריקאַנער זאָנע האָט לעצטנס אייניקע מאָל באַזוכט די צ. ה. ק. מיט גרויס אינטערעס האָט ער זיך כסדר אינפאָרמירט וועגן דער טעטיקייט פון דער קאָמיסיע און שעהן לאַנג געווידמעט אויף זיך באַקענען מיט די זאַמלונגען.

— אַנדאַ פינקערפעלד, די באַקאַנטע דיכטערן פון א"י, וועלכע פירט אָן מיטן קינדער־לאַגער אין דאָרנשטאַט האָט לעצטנס באַזוכט די צ. ה. ק. די דיכטערן האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס און אויפריכטיקע באַ־ציאונג צו דער אַרבעט פון אינסטיטוט.

ביי דער געלעגנהייט פון ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל האָט אנדא פינקערפעלד וועגן דער טעטיקייט פון דער צ. ה. ק. אינפאָרמירט אויך אַ גרופּע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן אינטערעסן פאַר דער אַרבעט.

— אין יאַנואַר ד. י. האָט באַזוכט די צ. ה. ק. די פרוי סאָבאָל־מאסלאָווסקא, לייטערין פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין קאַטאָוויץ, פוילן. די פרוי סאָבאָל־מאסלאָווסקא איז פון דער צ. יי. ה. ק. אין פוילן געשיקט געוואָרן ווי אַ שליח קיין אויסלאַנד צו זאָרגן וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון די פובליקאַציעס פון די היסטאָרישע קאָמיסיעס אין פוילן. אין משך פון איר ווייַלן אין מינכען האָט זיך די פאָרשטייערין אַלזייטיק באַקאַנט מיט די אַרכיוון און אַרבעטן פון דער צ. ה. ק.

— די ראַדאָמער יידן אין שטוטגאַרט זיינען צוגעטראָטן צו באַאַרבעטן אָן אויספירלעכע מאָנאָגראַפיע פון ראַדאָמער קהילה. צו דער צוועק איז געוויילט געוואָרן אַ רעדאַקציע קאָלעגיע, וועלכע שטייט אין איר אַרבעט אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער צ. ה. ק. אַלע, וועלכע קענען ביישטייערן וועגן יידישן ראַדאָם מיט באַשרייבונגען, דאָקומענטן, בילדער אא"וו ווערן געבעטן

צושיקן דאָס מאַטעריאַל אין צ. ה. ק. אָדער:
Historische Kommission, Stuttgart, Reinsburgstr. 207.

— אין דעצעמבער־נומער פון מינכענער דייטשן מעדיצינישן זשורנאַל „מעדיצינישע קליניק" איז פאַרעפנטלעכט אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט פון ד"ר י. נאַכימאָווסקי, מינכען. די אַרבעט איז פון פאַרלאַג אויך אַרויסגעגעבן ווי אַ באַזונדערער אָפּדרוק. ד"ר י. נאַכימאָווסקי איז בשעתו געווען טעטיק ווי אַן אַרצט אין קאָוונער געטאָ.

— דער זשורנאַליסט יוסף ביתרי, וואַרשע, האָט אין מינכען אַרויסגעגעבן אַ בוך פעליטאָנען אין פויליש „דעפּאָרטאַציאַ נאַ קשענזשיץ" (דעפּאָרטאַציע אויף דער לבנה). אין בוך קומען אַריין אויך אייניקע פעליטאָנען וועגן דער נאַצי־צייט.

— לעאָ רוטע, אַ דייטשער ייִד, איצט פּאַציענט פון סאַנאַטאָריום סאַנט־אַטיליען, בייערן, האָט אַרויסגעגעבן אין מינכען אַ בראָשור אין דייטש וועגן זיינע איבערלעבונגען אין די קאַצעטן.

— דער זשורנאַליסט פון „אונדזער וועג" בערל קירזשנער (דוב כובעי) האָט איבערגעגעבן דער צ. ה. ק. זיינעם אַ בוך אין כתב יד וועגן חורבן פון זיין היימשטאָט פּרזשאַן, פוילן. אין בוך קומט אויך אַ ברייטע באַשרייבונג פון אושוויץ, וווּ דער מחבר איז געווען ווי אַ קאַצעטלער. דאָס בוך איז פאָראויסגעזען צו דערשיינען אין פאַרלאַג פון צ. ה. ק.

— פון ה. רובינליכט, מיטעראָכינג, האָט די צ. ה. ק. באַקומען אַ גרויסן בריוו פון זיין אומגעקומענער שוועסטער, וועלכע האָט בעת דעם נאַצי־רעזשים געלעבט אויף אַרישע פּאַפּירן אין וואַרשע. אין בריוו רעדט זיך אויך וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

— די צ. ה. ק. האָט באַקומען פון א. מאָשקאָוויטש, גאַבערזשע, אַ פּאָסט־קאַרטל מיט דער דאַטע פון 14.4.44, וואָס איז אים צוגעשיקט געוואָרן אין אַ קאַצעט אין יוגאָסלאַוויע פון זיין פאַמיליע אונטערוועגס צווישן אונגאַרן־אושוויץ.

— ד"ר פעניגשטיין, מינכען, געוו. דאָקטאָר אין ייִדישן שפּיטאָל אויף טשיסטע, וואַרשע, האָט איבערגעגעבן דער צ. ה. ק. אַן אַרבעט וועגן דערמאָנטן שפּיטאָל אונטער דער נאַצי־אָקופּאַציע.

— א. טרעגער, גאָוטינג האָט איבערגעגעבן דער צ. ה. ק. אַן אַרבעט וועגן עקספּערימענטן אויף העפטלינגען אין אושוויץ.

— די מוזעאַלע זאַמלונגען פון צ. ה. ק. זיינען באַרייכערט געוואָרן מיט

אַ מגילת אסתר, וואָס איז פון קאָוונער ייד יצחק געמענטשיק געפונען געוואָרן אין לאָדז און פון אים איבערגעגעבן געוואָרן דער צ. ה. ק.

— ת. וואָלנערמאַן, דער סעקרעטאַר פון ראַבינאַט ביים צ. ק. האָט איבערגעגעבן דער צ. ה. ק. אַ ריי וויכטיקע נאַצי־דאָקומענטן.

— פרוי בעטי סעגאַל, ווילנע–מינכען, האָט אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון קיווא דייכעס אַריינגעזונגען פאַר דער צ. ה. ק. אַ ריי געטאָ־לידער אי גראַמאָפאָן־פּלאַטן.

— דער יוגנטלעכער היינריך האָלענדער, פערנוואַלד, האָט איבערגעגעבן אין רשות פון דער צ. ה. ק. 350 אויסגעפילטע פרעגבויגנס פון קינדער אין לאַגער פערנוואַלד. די פרעגבויגנס אַנטהאַלטן אַ שלל מיט מאַטעריאַל וועגן דער מאַרטיראָלאָגיע פון יידישע קינדער אונטערן נאַצי־רעזשים.

— דער יידישער קאָמיטעט אין אויגסבורג האָט איבערגעשיקט דער צ. ה. ק. אַ ריי בילדער פון 60 יידישע פרויען פון לאָדז, וועלכע האָבן בעתן נאַצי־רעזשים אַ געוויסע צייט דאָרט געאַרבעט אין דער טעקסטיל־פאַבריק פון כריסטיאַן דיערינג. שפּעטער, לויט דערקלערונגען פון די דייטשע פאַבריק־אַרבעטער, אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַן אומבאַקאַנטע ריכטונג. וועגן די פרויען איז אויך אַ רייד אין באַריכט פון 30.6.43 פון הויפּטשטורם־פירער וועגענער, מינכען, באַאויפטראַגטער צו ליקווידירן די יידן אין אָבער־בייערן. (אַרכיוו צ.ה.ק. 708/1072).

— דער מאַגיסטראַט אין אָלדענבורג, בריטישע זאָנע, האָט דער צ. ה. ק. צוגעשיקט אַ ריי פאָטאָ־אויפנאַמעס פון דעם אַרעסט פון די דאָרטיקע יידישע מענער אין יאָר 1939 און פון דער צעשטערטער סינאַגאָגע.

— דעם 20 יאַנואַר 1947 איז פאָרגעקומען די עפענונג פון דער ייוואָ־אויסשטעלונג אין ניו־יאָרק „יידן אין אייראָפּע 1939 — 1946". אויך די צ.ה.ק. איז פאַרטראָטן אויף דער אויסשטעלונג מיט אַ קאָנטיקער צאָל עקספּאָנאַטן, וואָס זיינען פון אונדז צוגעשיקט געוואָרן אויף דער ווענדונג פון ייוואָ.

— „א י ר ג ו ן" האָט אויף זיין אופן דערפילט זיין חוב לגבי דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע. אַ מיטאַרבעטער פון אַרכיוו פון צ. ה. ק. אַריינקומענדיק אַ פרימאָרגן אין אָפּגעשלאָסענעם אַרכיוו, האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אומבאַקאַנטן פּאַקעט. עפנדיק האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ פולער קאָמפּלעט פון די אַלע פּראָקלאַמאַציעס, וואָס דער אירגון צבאי

לאומי האָט אַרויסגעלאָזט פאַר דער שארית הפליטה. ניט האָבנדיק קיין אַדרעס, וועמען צו אָפּדאַנקען, דריקט אויס די אַרכיוו־לייטונג שוין אויך אויף דעם וועג איר דאַנק די אַנאָנימע מיטאַרבעטער אירע!

— ראַבאַי אברהם י. קלויזנער, וועלכער איז צווישן דער שארית הפליטה אין דייטשלאַנד וויל באַקאַנט מיט זיין גרויסער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט נאָך זינט די ערשטע טעג פון דער באַפרייאונג, האָט זיך לעצטנס צוריקגע־קערט אַהער. אונדזער יידישע פרעסע האָט דעם באַליבטן פאָלקס־עסקן אויפגענומען מיט די האַרציקסטע ווערטער. אַ וואַרעמען אויפנאַם האָט ראַבאַי קלויזנער געהאַט אויך אויפן צווייטן קאָנגרעס פון שארית הפליטה אין באַד רייכענהאַל.

ווי איינעם פון די מיטגרינדער און איבערגעגעבנסטע פריינט פון דער צ. ה. ק., זאָגן מיר דעם חשובן גאַסט אויך אונדזער האַרציקסטן ברוך הבא!

— פּראָפעסאָר גרשון שלום פון ירושלימער אוניווערסיטעט, דער באַ־קאַנטער פאָרשער פון קבלה און מיטלאַלטערלעכע ליטעראַטור, שרייבט אין אַ בריוו צו די מיטאַרבעטער פון דער צ. ה. ק. וועגן דעם זשורנאַל „פון לעצטן חורבן": „...איר טוט אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט, און די גבית עדותן וועלן בלייבן פאַר די קומענדיקע דורות... די דערשיטערנדיקע זאַכן וואָס איר פאַר־עפנטלעכט דורך די נייע דאָקומענטן, וועלן זיכער געפינען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער פרעסע... איך האָף, אַז איר וועט די אַרבעט אייערע קענען פאַר־זעצן גראָד אין ארץ־ישראל. זינט ענדע יולי 1946, ווען איך בין ביי אייך געוועזן, זיינען שוין פאַרביי פיל חדשים, און איך האָב נאָך ניט פאַרגעסן די איינדרוקן, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט. הלואי טרעפן מיר זיך שוין דאָ אינגיכן..."

— ד"ר מרדכי שאַטנער האָט ביי די לעצטע ענדערונגען אין די אָנ־פיר־אָרגאַנען פון שארית הפליטה פאַרלאָזן זיין פּאָסטן אַלס מיטגליד פון צ. ק. און לייטער פון קולטור־אַמט, מיט וועלכן ער האָט אָנגעפירט איבער אַ יאָר צייט. פאַר דער אַמט־צייט פון ד"ר שאַטנער און זיין פאָרגייער אינזש. יוסף לייבאָוויטש איז עס אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אָרגאַניזירט געוואָרן דער גאַנצער יידישער בילדונגס־און קולטור־וועזן; עס זיינען אויפגעקומען די צענדליקער פאָלקשולן, בילדונגס־קורסן, גימנאַזיעס, פאָלקס־אוניווערסיטעטן, ביבליאָטעקן, קונסט־אַנשטאַלטן אאַ"וו. ווי דער קולטור־שעף פון דער שארית־הפליטה האָט ד"ר שאַטנער אויך פיל מיטגעהאָלפן צום דערפאָלג פון דער קולטור דעלעגאַציע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס מיטן אָנטייל פון ה. לייוויק.

י. אפרת און עמא שווערער. אַליין אַ מענטש פון בעסערער דערציאונג און הויכער קולטור, דורכאויס קאָרעקט און מיט אַ סובטעלן כאַראַקטער, האָט ד"ר שאַטנער אין אונדזער רויער און האַמעטנער סביבה זיך ניט לייכט גע־האַט אין זיין אַרבעט; קולטור־פרעמדקייט, הפקרות און אפילו איגנאָראַציע זיינען אים כמעט שטענדיק געשטאַנען אין וועג ביים דערפילן זיינע פליכטן. און דאָך איז דער קולטור־אַמט אונטער זיין אָנפיר פיל אויפגעשטיגן און זיך ברייט פאַרצווייגט.

די אַלע קולטור־טוער, אינטעלעקטועלע און קינסטלער פון שארית־הפליטה – ווי אויך די מיטאַרבעטער פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע, וואָס איז געשטאַנען אונטערן אויפזיכט פון קולטור־אַמט – ווייסן צו אָפּשאַצן די אַרבעט און אנשטרענגונגען פון ד"ר מרדכי שאַטנער און גע־זעגנען זיך פון אים מיט די בעסטע ווונטשן, דאַנקבאַרקייט און אַנערקענונג פאַר זיין מי און אויפטוען.

(פ.)

MARTYRS MEMORIAL AND
MUSEUM OF THE HOLOCAUST
6505 WILSHIRE BLVD. (852-1234)
LOS ANGELES, CA 90048

**תיקון טעות.**

אין פאַריקן נומער (3) זיינען אַריינגעפאַלן באַזונדערש פאַרדריסלעכע פעלערן אויף: זייט 58, שורה 15, געדרוקט: ענדע 1944 – דאַרף זיין: אָנהייב 1944;

" 93, " 1 פון אונטן, געדרוקט; סאַרני (אין פאָלעסער געגנט) – דאַרף זיין: סאַרני (אין וואָלינער געגנט).

" 95, " 6, געדרוקט 198 נומערן – דאַרף זיין 205 נומערן.

" " " 7, " 13 נומערן – " " 16

ווער עס וויים גענויער וועגן דעם גורל פון די יידישע שרייבער אין ליטע:
אליעזר היימאָן, שמואל מאַטים און לאה רודניצקי
ווערט געבעטן זיך פאַרבינדן מיט דער
צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע אין מינכען.

---

פון די באַמערקטע פעלערן אין דעם העפט:

אין דער גבית־עדות „אַרום וואָלאָזשין" איז אָנגעגעבן, אַז די אַקציע אין הארַאָדאָק איז פאָרגעקומען שבת אָנהייב אָב 1942. לויט אַ הוספדיקער ידיעה איז די אַקציע פאָרגעקומען דעם שבת מברכים פון ר"ח אָב, ד. ה. כ"ו תמוז תש"ב (11 יולי 1942).

---


געזעצט אין דער זעצעריי פון דער
צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע, מינכען

איבערדרוקן, אויך טיילווייז, שטרענג פאַרבאָטן.



Copyrigth by Central Historical Commission,
München, Möhlstraße 12a



Published under DP-Publications License US-E-3, OMGB
Information Control Division.

March 1947. Edition: 8 000 copies.

Responsible editor: Israel Kaplan.

Printshop: Graphische Kunst- und Verlagsanstalt Jos. C. Huber,
Diessen a. Ammersee.

# FROM THE LAST EXTERMINATION

## JOURNAL FOR THE HISTORY OF THE JEWISH PEOPLE DURING THE NAZI REGIME

Editor: ISRAEL KAPLAN

CONTENTS


| | |
|---|---|
| The extermination of Jews in East-Galicia | Dr Philip Friedmann |
| Polish Jewish Solidiers as War Prisoners (Memoirs) | Mendel Lifschitz |
| Tchernowitz (Cernauti) | Dr. Jakob Ungar |
| In the forests of White-Russia (Eye-Witness Reports) | |
| a) Around Woloshin | Mosche Mejerson |
| b) In the Braslav arca | Mosche Trejster |
| c) At Radun | Leib Lewin |
| My Experiences during the War (From the Series of Children's Reports) | Daniel Burstin |
| Lullaby (Ghetto-song) | |
| „Buna" (Camp-song) | |
| Nazi Documents with Comments | |
| Photographs of the Nazi Period | |
| Bibliographical List of Articles on Jewish Life under the Nazis Published in the Press of the Sharith Ha-Plata | |
| Report on Activities of the Central Historical Commission | |
| News of the Central Historical Commission | |